12) 19.6.66 רעפעראַט פון לוי שאַליט אין טעמפּל בית ישראל א.ד.ט. „דער ייד אין דער מאָדערנער וועלט". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

13) 22.6.66 רעפעראַט פון לוי שאַליט אין טעמפּל בית ישראל א.ד.ט. „דער דראַנג נאָך גאולה אין ה. לייוויקס ווערק". פאָר־זיצער: ח. בראַון.

14) 22.6.66 רעפעראַט פון לוי שאַליט אין טעמפּל בית ישראל א.ד.ט. „יידן אין דרום־אַפריקע און דער אַפּאַרטהייד־רעזשים". פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

15) 7.8.66 שלושים־אָוונט נאָך מרדכי שעכטער ע"ה. רעדנער: ב. עזראָוויטש, י. ראָטמאַן, י. ריימער.

16) 4.9.66 רעפעראַט פון לעאָ פינק א.ד.ט. „אייטדרוקן פון אַ באַ־זוך אין כינע". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

17) 25.9.66 שלושים־אָוונט נאָך יעקב ווייסליץ ע.ה, איינגעאָרדנט דורך אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט א. ג. פון יעקב ווייס־ליץ ע"ה. אָנטיילנעמער: יצחק קאַהאַן, יאַשאַ שער; אַר־טיסטישער פּראָגראַם: רהל האָלצער, מרים ראָכלין און תלמידים פון דער שלום־עליכם־שול: רבקה ברענער און יאָסל לעבענהאָלץ.

18) 4.10.66 אויסעראָרדנטלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין דער פראַגע פון בויען אַ נייעם יידישן קולטור־צענטער.

19) 20.11.66 אָוונט צום דערשיינען פון הרב ד"ר י. ראַפּאָפּאָרטס צוויי יידישע ביכער. רעדנער: הרב א. תרשיש און ל. פרידמאַן. פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

## „קדימה"־אונטערנעמונגען אין יאָר 1966

1) 2.3.66 54־טע יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

2) 24.3.66 ארויסטריט פון יעווגעני יעווטושענקאָ אין פעסטיוואַל־האָל. אַנדערע אָנטיילנעמער: רחל האָלצער, דיים דזשודיט אַנדערסאָן, עלען עדוואַרדס און פרענק הארדי. פאָרזיצער: מ. אשכנזי.

3) 27.3.66 רעפעראַט פון ל. פינק א.ד.ט. „נאָך־מלחמהדיקע אַנטוויקלונג פון אויסטראַליע און אירע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט". פאָרזיצער: ס. בורשטין.

4) 17.4.66 הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים אויפן קאַרלטאָנער בית עולם, אין שייכות מיט דעם 23־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. רעדנער: אבא קאָוונער פון ישראל, נ. בעלער, סענאַטאָר ס. קאָהען. הזכרה: חזן י. לעווי.

5) 17.4.66 פייערלעכע אַקאַדעמיע צום 23־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איינגעאָרדנט אין מעלבורנער טאַון־האָל, דורך דעם „באַארד אָף דעפּיוטיס" און דער „קדימה", צוזאַמען מיט דעם ציוניסטישן ראַט, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, קאַצעטלער פאַרבאַנד, פאַרבאַנד פון געוו. יידישע זעלנער, יידישער יוגנט־ראַט, בני־ברית, אָרטאָדאָקסישע און ליבעראַלע שולן. רעדנער: אבא קאָוונער פון ישראל, הרב חיים גוטניק, י. ווין (יוגנט־רעדנער), חזן א. אדלער. פאָרזיצער: נ. בעלער. אין אַרטיסטישן טייל: שול־כאָר פון הר־הצופים; רעציטאַציע פון יוגנט־גרופּע ביים פעדעראַלן ראַט פון פּוילישע יידן.

6) 27.4.66 רעפעראַט פון אבא קאָוונער פון ישראל, אין לאָקאַל פון „בני־ברית" א.ד.ט. „חורבן און ווידערשטאַנד און זייער אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

7) 22.5.66 פייערלעכער שלום־עליכם־אָוונט אין שייכות מיט זיין 50־טן יאָרצייט. רעדנער: ה. בערגנער, י. קאַהאַן, י. קערש. פאָרזיצער: ל. פרידמאַן. אַרטיסטישער טייל: רחל האָלצער, לאה צוקער, שיע טיגעל, יאשא שער. ביים פּיאַנאָ: מרים ראָכלין. רעציטאַציעס פון שילער פון י. ל. פּרץ־ און שלום־עליכם־שולן. שלום־עליכם־אויסשטעלונג, צוגעגרייט דורך ב. עזראָוויטש און אַראַנזשירט דורך ש. טיגעל.

## דאַנק־אויסדרוקן

דער קאָמיטעט דריקט אויס א הארציקן דאנק און אן אנערקענונג דעם פריינד י. אָקנאָ ל.ל.ב. — דעם ערן־אדוואָקאַט פון דער „קדימה", פאַר זיין פרייוויליקער מיטארבעט ביים דערליידיקן די יורידישע ענינים פון דער אינסטיטוציע.

דער היגער יידישער פּרעסע: „די יידישע נייעס", „יידישע פּאָסט", „דזשואיש ניוס" און דזשואיש העראַלד", פאַר אָפּגעבן פּלאַץ פאַר די נאָטיצן און באריכטן פון דער „קדימה";

דער פרויען־גרופּע ביי דער „קדימה", וועלכע האָט אָפּגעגעבן צייט און מי אויף איינצואָרדנען און פארשענערן די „קדימה"־אונטערנעמונגען.

## באַריכט פון טעאַטער־קרייז א.נ. פון דוד הערמאַן

דער טעאטער־סעזאָן אין 1966 איז געווען אַן אָנגעשטרענגטער, אָבער דערפאַר א פּראָדוקטיווער. דער קרייז האָט אריינגעלייגט פיל אַרבעט אין דער אויפפירונג פון י. י. זיננערס „יאָשע קאַלב", וואָס איז געוואָרן רעזשיסירט דורך מ. פּאָטאַשינסקי. אין דער פּיעסע איז געווען פאַרנומען כמעט דער גאַנצער קרייז און עס זענען צונעצויגן געוואָרן אייניקע יונגנטלעכע. אין דער פּיעסע האָט אויך אָנטיילגענומען אלס גאַסט־ארטיסטין מילאָ ווייסליץ. „יאָשע קאַלב" האָט געהאַט א פאַרדינטן דערפאָלג. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן 11 מאָל ביי פולע זאַלן.

דער קרייז האָט געליטן א טאָפּלטן גרויסן פארלוסט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר: אין דעם טויט פון דעם לאַנגיאָריקן רעזשיסער, אַקטיאָר, לערער און פריינד — יעקב ווייסליץ און אין דעם טויט פון חיים ראָזענשטיין, וועלכער האָט פיל מי, צייט און ארבעט אָפּגעגעבן צו פארשענערן און פארבעסערן דאָס יידישע טעאטער אין מעלבורן.

מיר האָבן אויך פארלוירן איינע פון אונדזערע עלטסטע אַקטריסעס, נישקע ראָזענבערג, די פרוי פון אונדזער טעאטער־וועטעראַן — בערל ראָזענבערג. זי איז געווען איינע פון די גרינדער פון טעאטער־קרייז און האָט פיל געהאָלפן צו אַנטוויקלען דעם קרייז.

אין משך פון יאָר האָט דער קאָמיטעט פון טעאטער־קרייז אָפּגעהאַלטן א ריי זיצונגען, דורכגעפירט פאַמיליע־אָוונטן און איינגעאָרדנט דעם יערלעכן קאָנצערט אין מאָנטעפיאָרע־היים.

דער קאָמיטעט האָט אויסגעארבעט א פּלאַן פאַרן נייעם טעאטער־סעזאָן, וואָס וועט זיכער פאַרשענערן און פאַרשטאַרקן די ארבעט פון קרייז.

דער קאָמיטעט פון טעאטער־קרייז אין פארגאַנגענעם יאָר איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדע פריינד: ט. גינטער, צ. גערשאָוו, ש. האָכגעלערנטער, ש. טיגעל, ר. לעוויטאַ, ש. מיגדאַלעק, ח. קאָטלאַזש, ש. שוואַרץ, י. שער.

## אָוונט צום דערשיינען פון יהושע ראַפּאָפּאָרטס בוך „פראַגמענטן פון א לעבן"

דעם 11.12.66 איז פאָרגעקומען אן אָוונט לכבוד יהושע ראַפּאָפּאָרט צום דערשיינען פון זיין ניי בוך „פראַגמענטן פון א לעבן".

דער אָוונט איז באַזוכט געוואָרן פון א גרויסן עולם. די פריינד: מ. אייזענבוד, י. גיליגיטש און י. קערש האָבן נענגעבן אן אָפּשאַצונג פון דעם נייעם בוך און פון י. ראַפּאָפּאָרטס שאַפונג בכלל. זיי האָבן אָנגעוויזן, אז אין י. ראַפּאָפּאָרטן קומט פאָר א כסדרדיקער קאַמף, וואָס גייט אָן אין יעדן עכטן קינסטלער. עס איז א קאַמף צווישן טרוים און רעאַלן לעבן, צווישן ווילן און טאַט, צווישן אידעאַל אין ווירקלעכקייט. דערפאַר דערשיינט י. ראַפּאָפּאָרט אמאָל ווי א לירקער און א מאַמין אין העכערע ווערטן און אמאָל ווי א בייסיקער צווישנרופלער און אן אומברחמנותדיקער קריטיקער. ער פירט א דאָן־קיכאָטישן קאַמף מיט דער וועלט, הגם ער ווייסט, אז דער קאַמף איז אן אומגלייכער און אן אויסזיכטלאָזער, אָבער ער קען זיך פון דעם קאַמף ניט באַפרייען, פונקט ווי די נביאים האָבן זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון גאָטס שליחות.

זיין ניי בוך „פראַגמענטן פון א לעבן" גיט א רענטגען־בילד פון דער מענטשלעכער נשמה בכלל און פון זיין אייגענער נשמה בפרט. עס קומט דאָרט צום אויסדרוק די טראַגעדיע פון דעם יידישן שעפערישן מענטש אין אונדזערע צייטן. מיר זעען אין דעם בוך י. ראַפּאָפּאָרטן — דעם מענטש, וואָס פאַרשעמט ניט י. ראַפּאָפּאָרטן — דעם שרייבער.

אין זיין קורצן ענטפער־וואָרט האָט י. ראַפּאָפּאָרט אָנגעוויזן, אז ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, ברענגט ער ארויס זיין מיינונג, ווייל ער האָט דורך־ארץ פאַרן געדרוקטן יידישן וואָרט און פאַר זיך אליין.

צו דער דערהויבנקייט פון דעם אָוונט האָבן אויך בייגעשטייערט די שילער פון י. ל. פּרץ־ און שלום־עליכם־שולן מיט פיינע רעציטאַציעס פון יידישע פּאָעמעס.

## פינאַנסן

די הכנסה פון מיטגליד־אָפּצאָל איז פאַראַיאָרן געוועזן פיל גרעסער ווי מיט א יאָר פריער (4.416 דאָלאַר לגבי 1998 דאָלאַר אין יאָר 1965) צוליב דער פאַרגרעסערטער צאָל מיטגלידער.

אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז ניט דורכגעפירט געוואָרן קיין „קדימה"־חודש און עס איז ניט איינגעאָרדנט געוואָרן קיין „קדימה"־אָוונט. די אַקציע פון „קדימה"־חודש, וואָס פלעגט דורכגעפירט ווערן אין די פריערדיקע יאָרן, האָט געדינט צו דעקן דעם דעפיציט אין בודזשעט פון דער אינסטיטוציע. אין די לעצטע צוויי יאָר איז דער דעפיציט געדעקט געוואָרן פון דער הכנסה, וואָס עס האָבן אריינגעבראַכט די אונטערנעמונגען פון שמעון דזשיגאַן און דער ארויסטריט פון יעווגעני יעווטושענקאָ.

די מיטלען אויף ארויסצוגעבן דעם דריטן אויסטראַליש־יידישן אַל־מאַנאַך, זענען געשאַפן געוואָרן טיילווייז דורך די באַגריסונגס־אַנאָנסן אין דעם אַלמאַנאַך און טיילווייז דאַרפן זיי נאָך געשאַפן ווערן פון פאַרקויף פון דעם בוך.

די געלטער, וואָס זענען אריינגעקומען פון דעם אפילו צו בויען דעם יידישן קולטור־צענטער, געפינען זיך אויף א באַזונדערער קאָנטע אין באַנק און ווערן ניט גערירט.

מאַנען האָט ער איבערגענומען די חסידישע התלהבות און דעם גרויסן דרך־ארץ פאַר יעדן פּרט אין דער טעאַטער־קונסט. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געדינט דער יידישער ליטעראַטור און דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט, זייענדיק פאַרבונדן מיטן „בונד" פון זיינע יוגנט־יאָרן. עס איז אַוועק אין דער אייביקייט איינע פון די שענסטע געשטאַלטן פון אונדזער דור — דער פּרינץ פון יידישן שיין־גייסט.

די קינסטלערין רחל האָלצער האָט פּרעכטיק רעציטירט יוסף רובינשטיינס „שאָטנס פון יידישן טעאַטער אויף דער סעקאָנד עווענױ אין ניו־יאָרק" און די תלמידים פון דער שלום־עליכם־שול — רבקה ברענער און יאָסל לעבנהאָלץ — זענען אַרויסגעטראָטן מיט רעציטאַציעס פון יידישע פּאָעמעס — אַ שיינער „בלומענקראַנץ" אויפן קבר פון זייער געוועזענעם לערער און שול־פּאַרוואַלטער.

## אָוונט לכבוד הרב ד"ר י. ראַפּאַפּאָרט
## צום אַרויסגעבן זיינע צוויי יידישע ביכער.

דעם 20.11.66 איז פאָרגעקומען אַן אָוונט לכבוד הרב ד"ר י. ראַפּאַפּאָרט צום אַרויסגעבן זיינע צוויי יידישע ביכער: „דער קוואַל פון אונדזער אייביקייט" און „מיין שטאַרקייט און מיין געזאַנג".

אין אָפּשאַצונג וועגן די ביכער האָבן געגעבן הרב א. תרשיש, ל. פרידמאַן און י. אָרבאַך. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז הרב ראַפּאַפּאָרטס ביכער אַנטהאַלטן אַ גאַנצע רייע פיינע מאָנאָגראַפיעס פון אונדזערע גאונים און מנהיגים, לעבעדיקע באַשרייבונגען פון וויכטיקע תקופות פון אונדזער עבר און שיינע עסייען אויף פאַרשידענע טעמעס. זיינע ביכער באַשטעטיקן נאָכאַמאָל, אַז ניט געקוקט אויף די צאָלרייכע קלאָג־מוטערס, אַז יידיש גייט אונטער, לעבט דאָס שעפערישע יידישע וואָרט און שיינט אַרויס מיט אַלע חן'ען אין די ניי־אַרויסגעגעבענע ביכער. הרב ראַפּאַפּאָרט פירט אויס אין זיינע ביכער, אַז דער איינציקער וועג פאַר אַ יידן, אויב ער וויל לעבן ווי אַ ייד, איז צוריקקערן זיך צום קוואַל פון יידישקייט, צו דער יידישער אמונה.

ל. פרידמאַן האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אין דער היינטיקער קאָמפּליצירטער וועלט קען יידישקייט זיך נישט באַזירן בלויז אויף רעליגיע. נאָכן חורבן זענען מיר אָפּגעשוואַכט געוואָרן און מיר דאַרפן אַלע שטרעבן אויפצוהאַלטן יידישקייט, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן און אַלע צוזאַמען ווו עס לאָזט זיך. די סכנה איז ניט מצד דער אָדער יענער יידישקייט, נאָר מצד די יידן, וואָס טוען זיך אויס אינגאַנצן פון יידישקייט און וואַרפן פון זיך אַראָפּ יעדן עול פון יידישקייט.

אין זיין ענטפער־וואָרט האָט הרב י. ראַפּאַפּאָרט אָנגעוויזן, אַז ער האַלט זיך ניט פאַר קיין ליטעראַט; ער האָט די ביכער געשריבן, ווייל ער האָט געפילט, אַז דאָס איז זיין חוב. זיין כוונה איז געווען צו שטעלן אַ דאַמבע קעגן די מעכטיקע שטראָמען פון אָפּגעפרעמדקייט. יידן האָבן אין אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון דער געטלעכער תורה. דעריבער דאַרפן די יידישע ליטעראַטן ניט באַמיען זיך צו גושע חן זיין אין די אויגן פון דער פאַלשער וועלט, נאָר ווידמען זייערע טאַלאַנטן צו גאָט־געגעבענע צילן — צוריק אויפבויען אונדזער בית־המקשדיקע עקזיסטענץ.

## שלושים־אָוונט נאָך יעקב פּאַט ע"ה

דעם 29.5.66 איז פאָרגעקומען א שלושים־אָוונט נאָך יעקב פּאַט ע"ה. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קדימה", יידישע שולן און דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

די פריינד ס. בורשטין, ה. באַכראַך, מ. באַלבערישסקי ע"ה, י. גיליניטש און י. קאַהאַן האָבן אַרויסגעבראַכט אין זייערע רעדעס די קאָלירפולע פּערזענלעכקייט פון יעקב פּאַט. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די גרויסע ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן אלס שול־ און קולטור־טוער, פּובליציסט און לעקטאָר; און נאָך דער מלחמה, אלס דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אמעריקע. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז ער האָט אָנגעפירט מיט דער גרויסער הילפס־אַקציע פאַר דער שארית הפליטה אין אייראָפּע און האָט אויך נעווירקט דורך זיינע קאָנטאַקטן מיט דער אמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, אז אמעריקע זאָל אַנערקענען מדינת ישראל. ער האָט אויך געגעבן א באַדייטנדן צושטייער פאַר דער יידישער ליטעראַטור אלס שרייבער. א הומאַניטאַריער און סאָציאַליסט, האָט י. פּאַט געקעמפט זיין גאַנץ לעבן פאַר יושר און גערעכטיקייט אויף דער וועלט און באַזונדערס פאַר יידן.

זינט זיין באַזוך אין מעלבורן אין 1956, איז ער געווען אן איבערגעגעבענער פריינד פון דער „קדימה".

אויף דעם אָוונט האָט יאַשאַ שער געלייענט א רירנדן קאַפּיטל פון י. פּאַטס ווערק „די לערערין אסתר".

## אָוונט לטובת דעם פּאַראַייניקטן ישראל־אַפּיל

ווי יעדעס יאָר, האָט אויך פאַראַיאָרן די „קדימה" אנטיילגענומען אין דעם פאַראייניקטן ישראל־אַפּיל, דורך איינאָרדענען צוזאַמען מיט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען טעטיק אין די צפונדיקע פאָרשטעט, אן אָוונט אין „קדימה". דעם 10.6.66, אויף וועלכן עס איז אַרויסגעטראָטן אלס גאַסט־רעדנער ד"ר דוד כהן. דעם פאָרזיץ האָט געפירט פר' י. ריימער.

אין דעם אַרטיסטישן טייל האָבן אַנטיילגענומען: ש. טינגעל און ש. מינדאַלעק.

אויף דעם אָוונט איז נעזאַמלט געוואָרן א גרעסערע סומע געלט.

## שלושים־אָוונט נאָך יעקב ווייסליץ ע.ה

גאָר א גרויסער עולם איז געקומען צו דעם שלושים־אָוונט נאָך יעקב ווייסליץ ע"ה דעם 25.9.66, איינגעאָרדנט דורך א געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, מיט דער באַטייליקונג פון דער „קדימה".

נאָכן שפּילן שאָפּענס טרויער־מאַרש דורך מרים ראַכלין, האָבן גערעדט וועגן דעם נפטר דער פאָרזיצער פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז יאַשאַ שער און יצחק קאַהאַן. זיי האָבן אָנגעוויזן, אז יעקב ווייסליץ איז געווען א גרויסער בינע־מייסטער, א פּרעכטיקער רעציטאַטאָר, א גלענצנדער לעקטאָר און א באַגאַבטער לערער. ער האָט באַטראַכט דאָס טעאַטער ניט ווי א מיטל צו פאַרוויילן, נאָר ווי א עבודת קודש, וואָס דערהויבט און ברענגט אריין יום־טובדיקייט אין יידישן לעבן. אָט די איינשטעלונג האָט ער איבערגענומען פון י. ל. פּרצן, וועלכן ער האָט פּערזענלעך געקאָנט אלס תלמיד פון דער דראַמאַטישער סטודיע „הזמיר". פון דוד הער־

## פייערעכער שלום־עליכם אָוונט

דעם 22.5.66 איז פאָרגעקומען א פייערלעכער אָוונט צו באַצייכענען דעם 50־טן יאָרצייט נאָך אונדזער גרויסן שרייבער, דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — שלום־עליכם.

אויפן אָוונט איז אָנוועזנד געווען אן עולם פון קרוב צו 300 מענטשן —שרייבער, לערער, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער און פאָלקס־יידן, וועמען עס איז טייער דער אָנדענק פון שלום־עליכם.

דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט, ל. פרידמאַן, האָט אָנגעוויזן, אז היינט איז דער נאָמען פון ש״ע נאָך גרעסער ווי ביים לעבן. ער איז געוואָרן אן אוניווערסאַלער שרייבער. זיינע ווערק זענען געוואָרן איבערגעזעצט אין צענדליקער שפּראַכן און ווערן פאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן. יעדער דור זעט ש״ע אין א נייעם ליכט און געפינט אין זיין שאַפן נייע אַלמענטשלעכע און טיפע ווערטן.

הערץ בערגנער האָט גערעדט וועגן ש״ע, דעם טרייסטער פון פאָלק אין די שווערע צייטן פון יאוש. ש״ע האָט גערעדט צו דער נשמה און הארץ פון פאָלק און מיט דער שפּראַך פון פאָלק.

י. קערש האָט אַרויסגעבראַכט די טראַגי־קאָמישקייט, וועלכע ש״ע האָט געזען ביי די קליינע מענטשעלעך. דערפאַר האָט זיך ביי ש״ע באַקומען א געלעכטער דורך טרערן. הגם ש״ע־טיפּן זענען טראַגיש, האַלטן זיי זיך אָן אין דעם לעבן מיט אַלע כוחות און זייער הומאָר העלפט זיי בייצוקומען זייער טראַגישע לאַגע.

י. קאַהאַן האָט אָנגעוויזן, אז ש״ע־העלדן זענען סימבאָלישע יידישע געשטאַלטן: טוביה איז דער אויסדרוק פון יידישן בטחון, מנחם־מענדל — פון יידישן ענטוזיאַזם און מאָטל פּסי דעם חזנס — פון יידישער לעבנס־עקשנות. אָט די דריי עלעמענטן זענען אונדז גאָר נויטיק אויך היינט־צו־טאָג.

אין דעם אַרטיסטישן טייל האָבן אָנטיילגענומען: די קינסטלערין רחל האַלצער און מיטגלידער פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז — לאה צוקער, שיע טיגעל און יאַשאַ שער; ביים פּיאַנאָ: מרים ראָכלין; שילער פון י. ל. פּרץ־ און שלום־עליכם שולן האָבן רעציטירט יידישע לידער.

יאַשאַ שער האָט אויך געלייענט די צוואה פון ש״ע און דעם אויפ־שריפט אויף זיין מצבה.

צו דעם אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן א שיינע אויסשטעלונג, צו־געגרייט פון ב. עזראָוויטש און אראַנזשירט דורך ש. טיגעל. די אויסשטע־לונג האָט אַרומגענומען אויסגאַבעס פון ש״ע; ביכער און אָפּהאַנדלונגען וועגן ש״ע צו פאַרשידענע געלעגנהייטן; פּרעכטיקע אַלבאָמען פון ש״ע־העלדן און אילוסטראַציעס צו זיינע ווערק; א וואַנט־צייטונג וועגן ש״ע, אַרויסגעגעבן דורך די שילער פון דער י. ל. פּרץ שול.

## פייערלעכע אקאדעמיע צום 23־טן יאָרטאָג

## פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

דעם 17.4.66 אין אָוונט (כ"ז ניסן) איז פאָרגעקומען אין מעלבור־נער טאון האָל א גרויסע טרויער־אקאדעמיע צום 23־טן יאָרטאָג פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

די אקאדעמיע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם „באָארד אָף דע־פיוטיס" און דער „קדימה", צוזאמען מיט דעם ציוניסטישן ראַט, פעדערא־ציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, קאַצעטלער־פאַרבאַנד, פאַרבאַנד פון געוו. יידישע זעלנער, ייד. יוגנט־ראַט, בני־ברית, אָרטאָדאָקסישע און ליבעראַלע שולן. ארום 3000 מענטשן זענען געווען אָנוועזנד. הונדערטער האָבן ניט געקאָנט אריינגיין אין זאַל צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ.

דער הויפּט־רעדנער אויף דער אקאדעמיע איז געווען דער געטאָ־קעמפער און פּאַרטיזאַנער־פירער, שרייבער און דיכטער — אבא קאָוונער פון ישראל. זיין רעדע אויף דער אקאדעמיע האָט געלאָזן א שטאַרקן איינ־דרוק. עס האָבן אויך גערעדט הרב חיים גוטניק, דער פאַרטרעטער פון פּרעזידענט פון „באָארד אָף דעפּיוטיס", נ. בעלער, און א יוגנט־רעדנער, י. ווין.

אין דעם אַרטיסטישן פּראָגראַם האָט צום ערשטן מאָל אָנטיילגענו־מען א כאָר פון דער הר־הצופים־שול (ארום 100 קינדער). א גרופּע יוגנט־לעכע ביים פעדעראַלן ראַט פון פּוילישע יידן האָט געגעבן א געלונגענעם מאָנטאַזש פון געטאָ־לידער.

די רעדעס און דער אַרטיסטישער פּראָגראַם האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אונדזער פאַרערונג פאַר די העלדן פון ווארשעווער געטאָ און דעם גרויסן צער און טרויער נאָך די זעקס מיליאָן קדושים.

אויף דער פייערונג זענען געווען אויך אָנוועזנד יוגנטלעכע און קינ־דער אין א פיל גרעסערער צאָל ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

## רעפעראַט פון אבא קאָוונער וועגן חורבן און ווידערשטאַנד

## און זייער אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור

דעם 27.4.66 איז פאָרגעקומען א גוט־באַזוכטער רעפעראַט פון אבא קאָוונער אין בני־ברית־זאַל, איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה".

אין דעם רעפעראַט האָט אבא קאָוונער אַרויסגעבראַכט די טראַגיק פון דער חורבן־תקופה און ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ליטעראַטור. פיל קינסטלער זענען געשטרויכלט געוואָרן ביים שרייבן וועגן יענער צייט. בלויז איינצלנע האָבן באַוויזן אַרויסצוברענגען דעם פּיין און די דער־הויבנקייט פון דער תקופה.

צענדליקער און הונדערטער יאָרן שפּעטער וועלן דיכטער און שריי־בער זיך אומקערן צו יענער טראַגישער צייט און פּרוּוון אַרויסצוברענגען איר עכטן אָטעם — איז געווען אבא קאָוונערס אויספיר.

## באַזוך פון לוי שאליט

לוי שאליט איז דער רעדאַקטאָר פון דער „יידישע צייטונג" אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע. א געבוירענער אין ליטע, האָט ער דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גהינום פון היטלערס אומקום־לאַגערן. ער האָט זיך געראַטעוועט על פי נס און האָט נאָך דער באַפרייאונג געשפּילט גאָר א וויכטיקע ראָל ביים רעהאַביליטירן גייסטיק די שארית הפליטה, הן אלס רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער נאָך־מלחמה־צייטונג אין דייטשלאַנד „אונדזער וועג", הן אלס מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן.

הגם א גוטער קענער פון העברעאיש (ער איז א מחבר פון א העברעאיש בוך), איז לוי שאליט פאַרליבט אין יידיש און פירט א שטאַרקן און עקשנותדיקן קאַמף פאַר הויבן די חשיבות פון יידיש. ער האָט אָנגעשריבן איינציקע ביכער אין יידיש: איינס וועגן ה. לייוויקן און א צווייטס וועגן חורבן. ער שרייבט אויך פיינע יידישע לידער.

ניט געקוקט דערויף וואָס זיין באַזוך אין מעלבורן איז געווען זייער א קורצער (ניט מער ווי 4 וואָכן) און זיין געזונט־צושטאַנד ניט קיין צו גוטער, האָט ער דאָך באַוויזן צו געבן 4 רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס און איז אויך אַרויסטגעטראָטן אויף א זשאַבאָטינסקי־אַקאַדעמיע. (זע די טאַבעלע פון „קדימה"־אונטערנעמונגען).

זיינע רעפעראַטן האָבן פאַרמאָגט אי אָריגינעלקייט פון געדאַנק, אי רייכקייט פון שפּראַך. זיי האָבן אינספּירירט צו טראַכטן און נאָכטראַכטן וועגן פיל יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען. אזוי ארום האָט דער באַזוך פון לוי שאליט געגעבן א סטימול פאַר ווייטערדיקער יידישער קולטור־ארבעט און האָט געהויבן די חשיבות פון יידיש אין אונדזער ישוב.

## ספּעציעלע אונטערנעמונגען

### הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים

דעם 17.4.66 בייטאָג, איז פאָרגעקומען א הזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם, אין שייכות מיט דעם 23־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

די קורצע רעדעס פון אבא קאָוונער פון ישראל, סענאַטאָר ס. קאָהען און נ. בעלער און דער אל מלא רחמים און קדיש בציבור, אָנגעפירט פון חזן י. לעווי, האָבן געלאָזן א שטאַרקן איינדרוק אויף דעם גרויסן פאַרזאַמלטן עולם.

אבא קאָוונער האָט געלייגט א קראַנץ בלומען ביים מאָנומענט. יוגנט־לעכע פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַלטן אן ערן־וואַך.

די פאָלגענדע פריינד האָבן זיך באַטייליקט אין די אונטערנעמונגען: מ. אשכנזי ק.ס., מ. אייזענבוד, י. אָרבאַך, ה. באַכראַך, ס. בורשטין, ה. בערגנער, הרב ח. גוטניק, י. גיליגיטש, י. ווין, ב. עזראָוויטש, ל. פינק, ל. פרידמאַן, י. קאַהאַן, אבא קאָוונער (פון ישראל), י. קערש, י. ראָטמאַן, הרב ד"ר י. ראַפּאָפּאָרט, יהושע ראַפּאָפּאָרט, י. ריימער, לוי שאַליט (פון דרום־אַפריקע), הרב א. תרשיש.

אין די אַרטיסטישע טיילן פון די אונטערנעמונגען האָבן זיך באַ־טייליקט: רחל האָלצער, שיע טיגעל, שמואל מיגדאַלעק, מרים ראַבלין, לאה צוקער, יאַשאַ שער, שילער פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם שולן.

די הזכרה אויף דער טרויער־אַקאַדעמיע צום 23־טן יאָרטאָג פון וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט געמאַכט חזן א. אַדלער; די הזכרה ביים מאָנומענט — חזן י. לעווי.

אין אַרטיסטישן טייל פון דער טרויער־אַקאַדעמיע האָבן זיך באַטיי־ליקט: דער כאָר פון הר־הצופים־שול און די יוגנט־גרופּע ביים פעדעראַלן ראַט פון די פּוילישע יידן.

דער „קדימה"־קאָמיטעט דריקט אויס א דאַנק און אַנערקענונג די אויבן־אויסגערעכנטע פריינד פאַר זייער קאָאָפּעראַציע אין דורכפירן די אונטערנעמונגען פון „קדימה" אין פאַרגאַנגענעם יאָר.

### ארויסטריט פון יעווגעני יעווטושענקאָ

דאָס ברענגען דעם באַרימטן רוסישן פּאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ קיין מעלבורן, איז געווען אַן אומדערוואַרטע געשעעניש פאַרן היגן יידישן ישוב. די „קדימה" האָט אויסגענוצט זיין קומען צו דעם אַדעליידער קונסט־פעסטיוואַל און האָט אים איינגעלאַדן קיין מעלבורן.

די אונטערנעמונג איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פינאַנסיעלע פאַרפליכטונגען און מיט אומגעהויערע אָרגאַניזאַציאָנעלע שוועריקייטן צוליב דער קורצקייט פון דער צייט.

ניט געקוקט אויף אַלע מניעות, איז דער ארויסטריט פון יעווטושענ־קאָ געוואָרן איינגעאָרדנט אין משך פון א וואָך צייט. אַן עולם פון 5000 מענטשן — יידן און ניט־יידן — האָט דאָנערשטיק, דעם 24.3.1966 אויסגעפילט דעם פסטיוואַל האָל און האָט מיט גרויס שפּאַנונג זיך צוגע־הערט צו יעווטושענקאָס פּאָעמעס, געלייענט אין ענגליש דורך דיים דזשו־דיט אַנדערסאָן, עלען עדוואַרדס און פרענק האַרדי און שפּעטער רעציטירט אין רוסיש פון יעווטושענקאָ אליין.

א פיינעם אריינפיר האָט געגעבן מ. אשכנזי ק.ס., וועלכער האָט גע־פירט דעם אָוונט.

באַזונדערס ענטוזיאַסטיש איז אויפגענומען געוואָרן די רעציטאַציע אין יידיש פון „באַבי יאַר", אויסגעפירט דורך דער קינסטלערין רחל האָל־צער. איר ארויסטריט איז געווען איינער פון די רירנדיקסטע מאָמענטן אויף דעם אָוונט.

עס איז געווען אַן אָוונט פון א גרויסן קינסטלערישן געניוס און א ריזיקע דעמאָנסטראַציע פון אַנערקענונג פאַר דעם באַרימטן פּאָעט, וועל־כער האָט דער ערשטער, און דערווייל דער איינציקער אין סאָוויעט־רוס־לאַנד, געהאַט דעם מוט צו שרייבן וועגן דאָרטיקן אַנטיסעמיטיזם און געפאָדערט אויפצושטעלן א מאָנומענט אין באַבי־יאַר.

ב) פינאַנס־ווירטשאַפט־קאָמיסיע: ה. מיאָדאָווניק (פאָרזיצער), ב. ווייסמאַן, ל. טשערני, נ. סמוזשיק, ב. פּאַטקין, א. קוויאַטקאָווסקי, פּ. קרישטאַל, ש. ריכטער, ש. שוואַרץ, מ. שוואַרצבערג.

די פאָרשטייער פון „קדימה" אין באַארד אָף דעפּיוטיס זענען געווען: ס. בורשטין, מ. ווילענסקי, ב. פּאַטקין; פּאַרטרעטער: ה. מיאָדעק און א. קוויאַטקאָווסקי.

## סעקרעטאַריאַט און אַדמיניסטראַציע

דער סעקרעטאַר פון דער „קדימה" איז פּר' ל. פרידמאַן, ביבליאָטעקאַר — פּר' י. דאָרענבלאַט, הויז־אויפזעער — מרס. א. בלאַנקאָ.

דער קאָמיטעט דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיט דער ארבעט פון די „קדימה"־באַאמטע.

## באַוועגונג פון די מיטגלידער

צו דער פאַראַיאָריקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט די „קדימה" געציילט 1014 מיטגלידער. אין משך פון באַריכט־יאָר זענען צוגעקומען 488 מיטגלידער. 3 מיטגלידער האָבן פאַרלאָזן מעלבורן; 27 — זענען געשטאָרבן, 42 זענען אויסגעשטראָכן געוואָרן אַלס ניט־פינאַנסיעלע. צו דער איצטיקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ציילט די „קדימה" 1430 מיטגלידער.

## ביבליאָטעק

אין פאַרגאַנגענעם יאָר זענען צוגעקומען 67 ביכער אין יידיש, ענגליש און העברעאיש. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט איצט 5677 יידישע ביכער, 2375 ענגלישע און 593 העברעאישע. — צוזאַמען 8645 ביכער.

לײדער איז די צאָל געליינטע ביכער געפאַלן לגבי פאַראַיאָרן מיט קנאַפּע 300 (920 ביכער אין 1966, לגבי 1215 אין יאָר 1965).

אין משך פון יאָר זענען געלייענט געוואָרן 890 יידישע ביכער, לויט די פאָלגענדע געביטן: בעלעטריסטיק — 531, זכרונות — 129, קריטיק — 49, חורבן־ליטעראַטור — 43, געשיכטע — 43, זאַמל־ביכער — 28, רעפּאָרטאַזשן — 24, פאָלקלאָר — 15, רעליגיע און פילאָזאָפיע — 13, פּאָעזיע — 12, נאַטור־וויסנשאַפט — 1, קונסט — 1, דראַמען — 1.

די ביבליאָטעק האָט 102 אַקטיווע לייענער. זי איז אָפן דריי מאָל אין וואָך: זונטיק פון 11 אינדערפרי ביז 1 נאָכמיטאָג; מאָנטיק און מיטוואָך פון 7.30 ביז 9,30 אין אָוונט.

## קולטור טעטיקייט

אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר זענען פאָרגעקומען 7 רעפעראַטן, 3 אָוונטן צום דערשיינען פון יידישע ביכער, 1 קבלת־פּנים־אָוונט, א פייערלעכער שלום־עליכם־אָוונט, אַן אַקאַדעמיע צום 23־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דער ארויסטריט פון פּאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ, 3 שלושים־אָוונטן.

„קדימה" האָט אָפּגעצייכנט דאָס דערשיינען פון די ביכער, דורך איינאָרדענען דריי אָוונטן: איינעם לכבוד הרב ד״ר. י. ראַפּאַפּאָרט, צום דערשיינען פון זיינע צוויי ביכער, איינעם לכבוד יהושע ראַפּאַפּאָרט — צום דערשיינען פון זיין לעצט בוך און איין אָוונט לכבוד דעם דערשיינען פון דעם אַלמאַנאַך (גענויער זע ווייטער).

אַן אָוונט, געווידמעט דער פּיעסע „מאַדאַם אדלער" וועט פּאַרקומען שפּעטער אין יאָר.

סוף פאַרגאַנגענעם יאָר איז די „קדימה, געוואָרן 55 יאָר אַלט. אין משך פון אָט דער לאַנגער צייט האָט די אינסטיטוציע דורכגעמאַכט פאַרשידענע תקופות און האָט דורכגעלעבט ניט איין קריזיס. זי האָט אָבער באוויזן איבערצוקומען אַלע שוועריקייטן און האָט דערפילט איר אויפגאַבע אַלס טרעגערין פון יידישער קולטור און פלעגערין פון יידישע גייסטיקע ווערטן אין אונדזער ישוב. עס איז צו האָפן, אַז זי וועט אויך גובר זיין דעם איצטיקן קריזיס און א באַניטע און א פאַרשטאַרקטע ווייטער ממשיך זיין איר לאַנגיאָריקע און רומפולע טראַדיציע.

## קאָמיטעט און קאָמיסיעס

די לעצטע יערלעכע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 2־טן מערץ 1965, אונטער דעם פאָרזיץ פון פר' י. ריימער.

אויף דער צווייטער זיצונג פון ניי־געווילטן קאָמיטעט, דעם 13.4.66, איז אויסגעווילט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: פר' י. האָניג — פרעזידענט; פר' ס. בורשטין און פר' ב. פאַטקין — וויצע־פרעזידענטן; פר' ה. מיאַדאָווניק — ערן־קאַסירער; פר' פּ. קרישטאַל — געהילף פון ערן־קאַסירער; פר' מ. ווילענסקי —ערן־סעקרעטאַר.

פר' י. אָרבאַך איז אויסגעווילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אין משך פון באַריכט־יאָר 13 זיצונגען מיט פאָלגענדיקער באַטייליקונג: י. אָרבאַך, מ. ווילענסקי, ש. ריכטער — 13; ס. בורשטין, ה. באָרענשטיין, נ. סמוזשיק, י. שמערלינג — 11; ח. מיאָדעק, פּ. קרישטאַל — 10; ח. בראַון, ה. מיאָדאָווניק, י. ריימער, מ. שוואַרצבערג — 9; ל. טשערני — 8; י. האָניג ש. שוואַרץ, א. קוויאַטקאָווסקי — 7; ש. גאָלדשטיין, ב. פאַטקין — 6; ב. ווייסמאַן, ל. פינק — 5;

י. האָניג האָט רעזיגנירט פון קאָמיטעט דעם 26.7.66, ח. בראַון, ש. גאָלדשטיין, ח. מיאָדעק, ה. מיאָדאָווניק, ב. פאַטקין, ל. פינק, א. קוויאַטקאָווסקי, י. ריימער, ש. שוואַרץ, מ. שוואַרצבערג האָבן רעזיגנירט דעם 18.10.1966.

ל. פינק און ב. פאַטקין האָבן דורכגעלאָזן א ריי זיצונגען צוליב זייער אָפּוועזנהייט אין מעלבורן, ל. טשערני צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד.

דער עקזעקוטיוו האָט אָפּגעהאַלטן 7 זיצונגען.

עס זענען אויסגעווילט געוואָרן די פאָלגענדע קאָמיסיעס:

א) קולטור־ און ביבליאָטעק־קאָמיסיע: י. אָרבאַך (פאָרזיצער), ה. באָרענשטיין, ס. בורשטין, ח. בראַון, ש. גאָלדשטיין, י. האָניג, מ. ווילענסקי, י. ריימער, י. שמערלינג.

יידיש מעלבורן האָט פאַראַיאָרן געליטן א פאַרלוסט אין דעם טויט פון דעם גרויסן בינע־קינסטלער, גלענצענדן רעציטאַטאָר, לעקטאָר און דערציער — יעקב ווייסליץ. אין משך פון 30 יאָר האָט יעקב ווייסליץ נעדינט טריי דעם היגן ישוב מיט זיין קינסטלערישן טאַלאַנט. די „קדימה" האָט אָפּגעצייכנט זיין טויט מיט א שלושים־אָוונט צוזאַמען מיט אַנדערע אינסטיטוציעס, אין וועלכע דער נפטר איז געווען טעטיק. (פּרטים, זע ווייטער).

פאַראַיאָרן זענען אוועק אין דער אייביקייט נאָך צוויי קולטור־טוער, וועלכע האָבן, יעדער אויף זיין אופן, געגעבן א גרויסן צושטייער פאַרן היגן יידישן לעבן: חיים ראָזענשטיין ע"ה און מענדל באַלבערישסקי ע"ה. זייער טויט האָט אָפּגעשוואַכט די רייען פון קעמפער פאַר יידיש און פון די בויער פון יידישער קולטור אין אונדזער ישוב.

מיר ווילן אויך דאָ פאַרצייכענען דעם טויט פון צוויי געסט־רעדנער פון „קדימה": דוב בער מאַלקין ע"ה אין ישראל, וועלכער האָט צוויי מאָל באַזוכט אונדזער ישוב: אין יאָר 1957 און אין יאָר 1963 און יעקב פּאַט ע"ה אין אמעריקע, וועלכער האָט באַזוכט אויסטראַליע אין יאָר 1956 און איז געווען דער ערשטער גאַסט־רעדנער וועמען די „קדימה" האָט איינגעלאַדן. דער טויט פון די צוויי גייסטרייכע לעקטאָרן, שרייבער און קולטור־טוער, איז א גרויסער פאַרלוסט פאַר דער יידישער וועלט.

פאַראַיאָרן איז פאַרענדעקט געוואָרן די גרויסע אַרבעט פון דרוקן און אַרויסגעבן דעם דריטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך. דאָס בוך נעמט אַרום שאַפונגען פון א גרויסן טייל פון היגע יידישע פען־מענטשן. א טייל פון דעם אַלמאַנאַך איז געווידמעט דער „קדימה" און דעם דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז ביי דער „קדימה".

אין דעם דריטן אַלמאַנאַך איז געגעבן געוואָרן אַן אַלגעמיין בילד פון אונדזער ישוב, פון זיין געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, זיין איצטיקן צושטאַנד און פון זיינע פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט. אין דער אָפּטיילונג גייען אויך אַריין איינדרוקן, וואָס אונדזער ישוב האָט געלאָזן אויף די געסט, וואָס האָבן באַזוכט אויסטראַליע אין די לעצטע יאָרן. אזוי אַרום וועט דער אַלמאַנאַך געבן די יידן אין דער וועלט א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן אונדזער ישוב און וועגן אונדזערע שעפערישע כוחות. גלייכצייטיק וועט דער אַלמאַנאַך זיין א באַשיידענער צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור בכלל.

דער אַלמאַנאַך איז דאָס דריטע יידישע בוך, וואָס איז דערשינען אין מעלבורן אין משך פון דעם באַריכט־יאָר. די אַנדערע צוויי ביכער זענען: הרב י. ראַפּאַפּאָרטס „מיין שטאַרקייט און מיין געזאַנג" און יהושע ראַפּאַפּאָרטס „פראַגמענטן פון א לעבן". דאָס לעצטע בוך איז דערשינען מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון פריינד ס. בורשטין און זיינע זין, צום אָנדענק פון פייגע בורשטין ע"ה. דאָס איז דאָס צווייטע בוך וואָס ס. בורשטין און זיינע זין דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן. מיט א יאָר פריער איז דערשינען מיט זייער פינאַנסיעלער הילף הערץ בערגנערס בוך „ווו דער אמת שטייט איין". עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן דאָס דער־שיינען, אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, פון דער דראַמע פון ל. פרידמאַן א. נ. „מאַדאַם אַדלער", וואָס איז געוואָרן פּרעמירט דורך דעם אַלוועלט־לעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

שפּעטער וועט די „קדימה" פאַרלירן איר זעלבסטשטענדיקייט, דעריבער דאַרף די „קדימה" האָבן אַ זעלבסטשטענדיקע געביידע.

די צווייטע מיינונג האָט באַקומען אַ מערהייט שטימען. פון 351 אַנוועזנדע מיטגלידער, האָבן 201 געשטימט קעגן דער רעזאָלוציע צו אונטערהאַנדלען מיט דעם ציוניסטישן ראַט וועגן בויען צוזאַמען דעם קולטור־צענטער, 147 האָבן געשטימט פאַר און 3 מיטגלידער האָבן אָפּגעגעבן ליידיקע צעטלען.

אין רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג האָבן נאָך 10 מיטגלידער פון קאָמיטעט רעזיגנירט דעם 18.10.1966.

די אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן באַשלאָסן אָנצוגיין מיט דער אַרבעט ביז צו דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס וועט אויסוויילן אַ נייעם קאָמיטעט.

ניט געקוקט אויף די מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן דער פראַגע פון נייעם צענטער, איז דער קאָמיטעט אָנגעגאַנגען מיט דער קולטור־אַרבעט און האָט צו פאַרצייכענען אַ ריי דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען אין משך פון באַריכט־יאָר.

דער ארויסטריט פון דעם באַרימטן רוסישן פּאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ אין דער אָנוועזנהייט פון פיל טויזנטער יידן און ניט־יידן אין פעסטיוואַל־האָל, אָרגאַניזירט דורך דער „קדימה", איז געווען אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם פּאָעט, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם „באַבי־יאַר" און דעם „ליכט־פּאַרטיילער". עס איז אויך געווען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר יידישע רעכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ניט געקוקט דערויף וואָס דער אָוונט האָט געטראָגן אַ ריין־ליטעראַרישן כאַראַקטער, לויטן פאַרלאַנג פון דעם פּאָעט.

דער באַזוך פון לוי שאַליט פון דרום־אַפריקע, הגם זייער אַ קורצער, האָט אַריינגעבראַכט יום־טובדיקייט און דערהויבנקייט אין אונדזער ישוב און האָט געוועקט דעם אינטערעס צו יידישע קולטור־ענינים (פּרטים, זע ווייטער).

מיר ווילן אויך פאַרצייכענען דעם באַזוך פון דעם געטאָ־קעמפער אבא קאָוונער פון ישראל, וועלכער איז געווען דער גאַסט פון דעם ישוב אין אַפּריל פון פאַרגאַנגענעם יאָר. אַ דאַנק זיין אָנטייל אין דער אַקאַדעמיע צום 23־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איז דער אָוונט געווען זייער גוט באַזוכט און האָט געטראָגן אַ גאָר פייערלעכן כאַראַקטער. ער האָט געהאַלטן אויך איניקע עפנטלעכע רעפעראַטן. איין רעפעראַט איז געוואָרן איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה".

אין מאַי איז אָפּגעמערקט געוואָרן דורך דער „קדימה" דער 50־טער יאָרצייט נאָך דעם גרויסן שרייבער און הומאָריסט, דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — שלום־עליכם, דורך איינאָרדענען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע מיט אַן אויסשטעלונג. (גענויער זע ווייטער).

# יערליכער באַריכט
# פאַרן 55-טן טעטיקייטס יאָר

חשובע פריינד, מיטגלידער פון „קדימה",

מיר האָבן דעם כבוד איבערצוגעבן אייך דעם 55־טן טעטיקייטס־ און קאַסע־באַריכט פון דעם יידישן קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה", פאַרן יאָר 1966.

די אויפמערקזאַמקייט פון דעם „קדימה" - קאָמיטעט איז פאַראַיאָרן געווען ווידער קאָנצענטרירט אויף דער פראַגע ווו און ווי אַזוי צו בויען דעם נייעם יידישן קולטור - צענטער.

דער קאָמיטעט האָט אויסגעוויילט א ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אויספאָרשן די מעגלעכקייטן פון בויען דעם צענטער. די קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט די פאָרשטייער פון שלום־עליכם־שול, לאַנדסמאַנשאַפטן און ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע. היות ניט די קאָמיסיע און ניט דער קאָמיטעט האָבן זיך געקאָנט אייניקן אויף א קאָנקרעטן פּלאַן ווו צו בויען דעם נייעם צענטער, האָט דער פּרעזידענט פון „קדימה", פר' יהודה האָניג, רעזיגנירט פון קאָמיטעט אין יולי 1966.
נאָך לאַנגע דיסקוסיעס און באַטראַכטונגען האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן צו רופן אַן אויסעראָרדנטלעכע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז געשטעלט געוואָרן דער פאָלגענדער פאָרשלאָג:

„באַפולמעכטיקן דעם „קדימה" - קאָמיטעט צו אונטערהאַנדלען מיט דעם ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע און אויספירן די דער־גרייכטע פאַרשטענדיקונג וועגן בויען א יידישן קולטור - צענטער אויפן פּלאַץ פון בית - וויייצמאַן אין סט. קילדאַ ראוד, געמיינזאַם מיט דעם אַלגעמיין פּראָיעקטירטן צענטער; דערביי האָרף פאַרזי־כערט ווערן אין דעם נייעם צענטער די זעלבסטשטענדיקייט פון דער „קדימה" אין אַלע הינזיכטן".

אויף דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 4.10.66, זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן צוויי מיינונגען: איין מיינונג, אַז די „קדימה" איז ניט אימשטאַנד ביים היינטיקן טאָג צו בויען אַליין א קולטור־צענטער; אַז מ'דאַרף בויען מיט דעם ציוניסטישן ראַט איין גרויסן מאָדערנעם צענטער, אין וועלכן די „קדימה" זאָל ווייטער פירן א זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט. די צווייטע מיינונג איז געווען, אַז דאָס גיין צוזאַמען מיט דעם ציוניסטישן ראַט איז ניט גוט פאַר דער „קדימה"; אַז פריער אָדער

## יידישער קולטור־צענטער
## און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

---

אמטן אין יאָר 1966

### עקזעקוטיווו:

מר. י. האָניג — פּרעזידענט (רעזיגנירט דעם 26.7.66);
מר. ס. בורשטין — וויצע־פּרעזידענט;
מר. ב. פּאַטקין — וויצע־פּרעזידענט (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. ה. מיאָדאָוניק — ערן־קאַסירער (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. פּ. קרישטאַל — געהילף פון ערן־קאַסירער;
מר. י. ריימער — עקס־אָפיציאָ (רעזיגנירט דעם 18.10.66).
מר. מ. ווילענסקי — ערן־סעקרעטאַר.

מר. י. אָרבאַך — פּאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

### קאָמיטעט:

מר. ח. באָרענשטיין;
מר. ח. בראַון (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. ש. גאָלדשטיין (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. ב. ווייסמאַן;
מר. ל. טשערני;
מר. ח. מיאָדעק (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. נ. סמוזשיק;
מר. ל. פינק (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. א. קוויאַטקאָווסקי (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. ש. ריכטער;
מר. ש. שוואַרץ (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. מ. שוואַרצבערג (רעזיגנירט דעם 18.10.66);
מר. י. שמערלינג.

ערן - אַדוואָקאַט: מר. י. אָקנאָ לל.ב.;
אויד יטאָר: מר. ל. סטאָן;
סעקרעטאַר: מר. ל. פרידמאַן;
ביבליאָטעקאַר : מר. י. דאָרענבלאַט;
הויז - אויפזעער : מרס. א. בלאַנקאָ.

„קדימה"

נעגרינדעט 26טן דעצעמבער, 1911

# יידישער קולטור־צענטער און נאציאנאלע ביבליאטעק „קדימה"

842־834 לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן

## טעטיקייטס־באַריכט

פארן יאָר 1966

## קאַסע־באַריכט און באַלאַנס

פאַר דער צייט

פון 1טן סעפטעמבער 1965 ביזן 31טן אויגוסט 1966

---

מעלבורן 1967 מערץ



דער גאַסט-רעדנער לוי שאַליט ווערט באַגריסט ביים אָנקומען קיין מעלבורן.
(פון רעכטס צו לינקס): ד"ר מ. פערשטענדיג, י. מיאָדעק, ח. מיאָדעק, ש. שוואַרץ, י. האָניג, ש. מעלניק, ל. פרידמאַן, לוי שאַליט, י. אָרבאַך, מ. ווילענסקי, ה. מיאָדאָווניק, מרס. ביוט (פאָרשטייערין פון דער ליטווישער לאַנדסמאַנשאַפט).

KADIMAH קדימה

„ק ד י מ ה"

געגרינדעט 26טן דעצעמבער, 1911

# יידישער קולטור־צענטער און נאציאנאלע ביבליאטעק „קדימה"

834־842 לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן

## טעטיקייטס־באַריכט פארן יאָר 1966

## קאַסע־באַריכט און באַלאַנס

פאַר דער צייט

פון 1טן סעפטעמבער 1965 ביזן 31טן אויגוסט 1966

מערץ 1967 מעלבורן

Printed by York Press Ltd. 198-204 Faraday Street, Carlton